בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת תצוה תשע"ח | שבת זכור | גליון 446 [שנה י']

**פארוואס שטייט ואתה?**

וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד:: (כ"ז כ') פרעגן אלע פארוואס שטייט וְאַתָּה, עס וואלט געקענט נאר שטיין תְּצַוֶּה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל? נאר עס שטייט (עירובין דף נ"ד) ביז משה האט צובראכן די לוחות האט מען נישט פארגעסן די תורה וואס מען האט געלערנט, אזוי ווי די לוחות איז געווען איינגעקריצט אין די שטיין, נאר משה האט גורם געווען שכחה ביים לערנען, דעריבער שטייט וְאַתָּה, דו משה, וואס האסט גורם געווען שכחה, תְּצַוֶּה | אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, מדה כנגד מדה, און באפויל די אידן: וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ, זיי זאלן נעמען שֶׁמֶן זַיִת זָךְ, אזוי ווי די גמ' (הוריות דף י"ג) זאגט, שמן זית יפה, העלפט, לשכחה, מען זאל נישט פארגעסן וואס מען האט געלערנט, וועט זיין כָּתִית לַמָּאוֹר, די תורה וועט לייכטן און מען וועט געדענקען וואס מען האט געלערנט. (שער בת רבים)

**יגיעה איז נאר פאר תורה און נישט פאר פרנסה**

כָּתִית לַמָּאוֹר: (כ"ז כ') רש"י ברענגט פון חז"ל וואס דרשנען כָּתִית לַמָּאוֹר ולא כתית למנחות, וואס דער פשט איז, מען האט גענוצט די ערשטע טראפן פון איילבירט פאר די מנורה וואס דארף זיין זך, און די אנדערע טראפנ'ס זענען פאר די מנחות, עס שטייט אין גמ' (מגילה דף ו:) יגעת ומצאת תאמין, אז א מענטש פלאגט זיך וועט ער טרעפן, זאגט די גמ' הני מילי בדברי תורה ביי לערנען העלפט יגיעה אבל במשא ומתן סייעתא הוא מן שמיא, אבער אין מסחר האט נישט צו טאן מיט זיך פלאגן נאר וואס מען הייסט פון הימל. פון דעסטוועגן פירט אויס די גמ' אז צו געדענקען לערנען איז אויך סעייתא דשמיא, דאס מיינט כתית מען דארף צוברעכן די גוף און זיך פלאגן נאר ביי למאור וואס אור זו תורה, אבער ולא כתית למנחות, וואס מנחות איז מרומז אויף פרנסה, דארטן העלפט נישט זיך פלאגן, אבער לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד: דער עיקר פון לערנען תורה איז צו געדענקען און דאס קומט נאר מיט אסאך יגיעה. (כתב סופר)

**דער אפוד האט געברענגט אמונה אין אויבערשטן**

וְעָשׂוּ אֶת־הָאֵפֹד: (כ"ז כ') שטייט אין בעל הטורים אז אֵפוֹד איז בגימט' מלאך 91, אז דער כהן וואס איז געגאנגען דער אפוד האט אויסגעקוקט ווי א מלאך, מען קען אויך זאגן אויף דעם אויפן אז אפוד איז אויך בגימט' אמן 91 און אמן איז נוטריקון אל מלך נאמן, דאס מיינט ווייל די אפוד איז מכפר אויף עו"ז אזוי ווי עס שטייט (הושע ג ד ) כִּי יָמִים רַבִּים יֵשְׁבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵין מֶלֶךְ וְאֵין שָׂר וְאֵין זֶבַח וְאֵין מַצֵּבָה וְאֵין אֵפוֹד וּתְרָפִים: זעט מען אז ווען עס איז נישטא קיין עו"ז – תרפים– דארף מען נישט די אפוד צו מכפר זיין. דעריבער איז דער אפוד מרומז "אל מלך נאמן" צו מבטל מאכן עו"ז, און אפוד איז בגימט' אלה–יהם 91 אז מען דארף מאמין זיין אין אויבערשטן און לייקענען אין עו"ז. א איד וואס האט אמונה אין אויבערשטן איז ער אזוי ווי א מלאך. (המו"ל עפ"י ספר בן יאיר ר' חיים מאיר מזרחי איזמיר תרל"ז)

**א פליאה אויפן בעל הטורים**

וְעָשִׂיתָ חֹשֶׁן מִשְׁפָּט: (כז טו) זאגט דער בעל הטורים אז דער חשן משפט האט מכפר געווען אויף עבירות פון משפט און אזוי ווי מען מעג נאר מאכן א דין תורה באטאג אזוי מעג מען פרעגן אין די אורים ותומים נאר באטאג, און חושן משפט איז גימט' מכפר על הרהור הלב, וואס א מענטש טראכט עכ"ד אבער באמת דאס איז שווער ווייל די אבנט איז מכפר אויפן הרהור הלב און די חושן משפט איז נאר מכפר אויף משפט וצ"ע. (בן יאיר ר' חיים מאיר מזרחי איזמיר תרל"ז)

**אינטרעסאנטע ידיעה אויף וואס איז דער אפוד מכפר**

וְעָשׂוּ אֶת־הָאֵפֹד: (כ"ז כ') שטייט אין גמ' (מסכת זבחים פ"ח:) אז די אפוד האט מכפר געווען אויף די חטא פון עבודה זרה. אויב אזוי איז שווער אז מיר וויסן די גמ' (יומא דף ט:) אז דער בית המקדש הראשון איז חרוב געווארן וועגן די זינד פון עבודה זרה, איז שווער פארוואס האט דער אפוד נישט בייגעשטאנען פאר די אידן און מכפר געווען אויף עבודה זרה, ממילא וואלט דער בית המקדש נישט גדארפט חרוב ווערן?

**עס איז דא עטליכע תירוצים:**

1] הגאון ר"ח קנייבסקי שליט"א ענטפערט אז די אפוד איז נאר מכפר אויף מחשבה פון עבודה זרה אבער נישט אויף דינען עבודה זרה.

2] נאך א תירוץ, אז די אפוד האט מכפר געווען נאר אויף די זינד פון יחידים אבער ביים בית הראשון איז מעגלאך אז רוב אידן האבן געזינדיגט, און אויף דעם איז די אפוד נישט מכפר.

3] נאך א תירוץ, די גמ' זאגט (מס' שבועות דף ז:) אז די אפוד איז נאר מכפר אויב מען האט עובר געווען במזיד אבער אן א התראה אדער א שוגג וואס דער בעלים ווייסן נישט אז זיי האבן געטאן א עבירה, אבער א עבירה במזיד און מיט התראה איז חייב מיתה און אויף מיתה איז די אפוד נישט מכפר, און דעמאלטס איז געווען במזיד און די נביאים האבן כסדר געווארענט כלל ישראל נישט דינען עו"ז.

4] נאך א תירוץ, ווייל רש"י זאגט (מס' זבחים דף פח:) אז די אפוד האט באשיצט אויף אנדערע אידן וואס האבן נישט געזינדיגט, זיי זאלן נישט באשטראפט ווערן וועגן די עוברי עבירה, אבער די עוברי עבירה אליין האט די אפוד נישט באשיצט. וועגן דעם איז די בית המקדש חרוב געווארן. (ספר מרפסין איגרי)

**הארות פון פ' תצוה לפורים - פורים איז מקבל פון דעם שבת קודש**

וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: (כ"ז כ') מען קען זאגן דער קשר פון פרשת תצוה צו פורים איז: ווייל תצוה קען אויך מיינען באהעפטן, צוותא חדא, א ענין פון אחדות און אהבת חבירים. און דער גאנצע ענין פון פורים איז געווען ווייל המן האט געזאגט "ישנו עם אחד מפוזר ומפורד" דער ענין פון פירוד, און וועגן דעם איז די מצות היום פון פורים, משלוח מנות, און מתנות לאביונים און צדקה, אלעס צו ווייזן אז כלל ישראל איז באחדות, און אויך די קריאת המגילה איז צוזאמען קומען אין איינעם, אויך איז שבת קודש משפיע אויף די וואך און אויפן יום טוב פון יענע וואך, דעריבער וְאַתָּה תְּצַוֶּה זאלסטו באהעפטן כלל ישראל מיט אחדות און דאס וועט משפיע זיין אויף פורים. אויך די וואך איז פרשת זכור וואס עמלק האט געארבעט "אשר קרך בדרך" אפקילן כלל ישראל, אפקילן מיינט מאכן איינעם פרעמד פון צווייטן, א פירוד, דעריבער פורים דארף מען זיין באחדות כדי מען זאל צוברעכן עמלק. און עס איז נישטא נאך אזא יו"ט ווי פורים וואס כלל ישראל איז באחדות און בשמחה, וועגן דעם שמחה און אחדות וועט פורים קיינמאל נישט בטל ווערן, ממילא זאל מען זען ארויסצונעמען פון פורים אויף א גאנץ יאר שמחה מיט אחדות און אין זכות פון אחדות וועט מען ווערן אויסגעלייזט אמן. (שמח זבולון)

וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד: (כ"ז כ') ש'מן ז'ית ז'ך איז די ר"ת בגימ' 314 כמנין מרדכי היהודי 314, און ז"ך, עס לייכט קלאר, איז מרומז צו בן יאיר, כתי"ת 430 איז בגימ' שמע"י קי"ש, וואס איז די קשר פון מרדכי און משה? נאר עס שטייט אין מדרש אז אליהו הנביא איז געגאנגען צו משה רבינו, און האט אים געפרעגט ווער איז א צדיק? האט משה געענטפערט אז מרדכי איז א צדיק, זאגט אליהו גיי צו מרדכי און זיי מתפלל מיט אים צוזאמען און עס וועט זיין: יִשְׁמַע אֵל וְיַעֲנֵם (תהלים נה כ). דאס איז פשט אין פסוק. וְאַתָּה: דו משה, תְּצַוֶּה. זאלסטו זיך מחבר זיין צו די צרות פון כלל ישראל. וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ, און נעם מיט דיר מָרְדֳּכַי בֶּן יָאִיר בֶּן־שִׁמְעִי בֶּן־קִישׁ, וואס ער איז מרומז אין דעם פסוק. און אזוי וועט זיין למאור: אז די אידן וועלן ארויס גיין מאפילה לאורה. (חיד"א)

## מדור העובדות

## דער הייליגער ישמח משה און ר' צבי משרת העלפן א איד צוריק באקומען זיין קרעטשמע

ווען צדיקים זאגן עפעס אנדערש פאר א איד וואס קומט זיך פראווען ביי זיי איז דאס נישט קיין סתירה חלילה נאר א אנדערע הנהגה פון יעדן צדיק. דער רבי ז"ל רבינו יואל מסאטמאר זצוק"ל האט דערציילט: עס האט געוואוינט א איד ר' חיים אין א דארף נישט ווייט פון אוהעל וואו דער הייליגער ישמח משה איז געווען דארטן רב. ר' חיים איז אבער געווען א חסיד פון ר' צבי הירש משרת פון רימינוב. זיין פרנסה האט זיך געצויגן פון א קרעטשמע וואס האט אים געברענגט נאר אויף וויפיל ער האט געדארפט, ער האט דאס געהאט אסאך יארן און דער פריץ איז געווען שיין צו אים און נישט געהעכערט די געהאלט און שכירות.

איין יאר האט דער פריץ געזאגט א פָאר טעג פַארן ענדער פון יאר, אז אויב ר' חיים וויל נאך האלטן דעם קרעטשמע וועט ער מוזן באצאלן דאפעלט פון וויפיל ער האט באצאלט ביז יעצט, און אויב נישט מוז ער ארויסגיין און ער וועט דאס געבן צו א אנדערע וואס וויל געבן דאפלט פון ר' חיים. ר' חיים פארשטייט אז דער פריץ מיינט געלט און נישט קיין שלעכטץ, אבער ביז יעצט האט ער קאם געהאט אויף פרנסה, און אויב ער דארף צאלן דאפעלט, וועט אים גארנישט בלייבן, ר' חיים האט געוואלט געפארן קיין רימינוב צו זיין רבין, אבער יעצט איז די צייט ענג און ער איז מחליט ער פארט קיין אוהעל צום הייליגן ישמח משה. דער ישמח משה הערט אים אויס און שאקלט מיטן קאפ: וואס קען איך דיר העלפן? גיב די פריץ וויפיל ער פארלאנגט און דער אויבערשטער וועט מרחם זיין אויף דיר און וועסט האבן מער הכנסות!

ווי נאר דער איז גייט ארויס פון הייליגן ישמח משה און פארט אביסל ארויס פון שטאט הערט ער ווי זיין רבי ר' הירש -משרת פון רימינוב- איז אנגעקומען אין אוהעל און ער דרייט צוריק דער וואגן און פארט צו זיין רבין. ר' חיים רעדט זיך אויס פארן רבין און צו זיין וואונדער ענטפערט אים דער רבין: חס ושלום! זאלסט נישט מסכים זיין צוגעבן איין פרוטה מער און אויב דער פריץ וויל דאס פארדינגען פאר א אנדערן זאל ער דאס פארדינגען! ר' חיים פאלגט וואס זיין רבין זאגט אים און ווען דער יאר האט זיך געענדיגט האט ר' חיים געזאגט פארן פריץ אז ער וויל נישט געבן א פרוטה מער, האט דער פריץ געהייסן ר' חיים ארויסגיין פון קרעטשמע און אויך פון דארף מיט זיין גאנצע משפחה!

ר' חיים האט נישט געהאט קיין ברירה און האט געפאקט זיינע פעקלאך מיט זיין משפחה און מען איז געפארן קיין אוהעל. ר' חיים און די משפחה האבן געגעסן זייער ווייניג און געווארט אויף א ישועה אבער דער טאג איז אנגעקומען אז זייער עסן האט זיך געענדיגט און ר' חיים איז געווען א שעמעדיגער צו גיין בעטן עסן און האט נישט געהאט קיין ברירה און איז געגאנגען צום ישמח משה אויסרעדן זיין הארץ! און זיך אנטשולדיגט פארוואס ער האט נישט געפאלגט דעם ישמח משה איז געווען ווייל זיין רבי ר' הירש משרת האט אים פארבאטן צו מוסיף זיין אויף די שכירות!

פונקט דעמאלטס איז אנגעקומען אין אוהעל הרה"ק ר' הערש'לע ליסקא וואס איז געווען א תלמיד פון ר' הירש מרימינוב, האט דער ישמח משה געזאגט פאר ר' הערש'לע: זע וואס דיין רבי האט אנגעמאכט א צרה פאר זיין חסיד! האט ר' הערש'לע מליסקא זיך אנגערופן: אויב ר' הירש האט אזוי געזאגט וועט נאר ארויסקומען גוט'ס פאר זיין חסיד און ר' הערש'לע זאגט ר' חיים זאלסט נישט זארגן גיי אהיים רוהיג און דער אויבערשטער וועט דיר באלד העלפן. ווען ר' חיים איז אנגעקומען צו זיין דירה אין אוהעל האט געווארט דארטן די באדינער פון פריץ אז דער פריץ רופט אים זייער נייטיג. ר' חיים פארט שנעל צום פריץ וואס אנטשולדיגט זיך פאר ר' חיים פאר די צרה וואס ער האט אים אנגעמאכט און געבעטן ער זאל צוריקנעמען די קרעטשמע אויף דעם אלטן פרייז, און דער פריץ פארענטפערט זיך אז איינע וואס האט געוואלט דינגען דעם קרעטשמע האט צום סוף מודיע געווען אז ער וועט נישט קענען צאלן אזא הויכן פרייז און נאך פארדינען, דעריבער, ווייל איך קען דיר שוין א לאנגע צייט, וויל איך האנדלען נאר מיט דיר! ר' חיים איז געווען צופרידן און געמאכט א שטר און די קרעטשמע איז צוריק געווארן זיינס און זיין פארדינסטן זענען געשטיגן.

ר' חיים איז געפארן קיין רימינוב און דערציילט זיין רבין פון זיין הצלחה, האט דער רבי ר' הירש געזאגט פאר ר' חיים זאלסט נישט מהרהר זיין אין רגע אויפן הייליגן ישמח משה. מיר האבן ביידע געזען די זעלבע זאך, נאר דער ישמח משה איז א ווייכער און האט נישט געקענט צו זען אז דו זאלסט זיך מוטשען די פאר וואכן אין הונגער און מיט בושות דעריבער האט ער געזאגט זאלסט מסכים זיין צו געבן דאפלט, און געגעבן א ברכה אז דער אויבערשטער וועט דיר געבן הצלחה, אבער איך האב געזען אז עס איז בעסער זאלסט זיך מוטשן די פאר וואכן אבער ענדע וועסטו באקומען די קרעטשמע פאר די זעלבע געלט און וועסט נאך האבן גרוים הצלחה.

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, מכתב קודש כולו כתב יד של הרה"ק ר' אליעזר זוסמאן פיש אדמו"ר מאטעסאלקע $800, ספר עבודת הגרשוני תנינא דפו"ר $1000, ספר לחם שמנה ראפשיץ דפו"ר $600, ספר כתנות האיפוד דפו"ר $1000, אור ישראל על הזוהר מגיד מקאזניץ דפו"ר $500, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500, רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת $2500, 100 היתר נישואין נאך די שואה תש"ו מיט חתימת פון בי"ד, אסאך היסטאריה פון די משפחות $15000 20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפן

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.CO***

**מיר ווינטשן אלע א פרייליכן און א לוסטיגן פורים**